יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

היינט 10 זייטען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 129 | Łódź, Wtorek, 6 czerwca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, י"ב סיון תרצ"ג | № 129

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדר עס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# פאגראמטשיק גראף העלסדארף אויף א הויכן אמט

## בעאומרוהיגונג צווישן דער יודישער בעפעלקערונג אין דייטשלאנד

אינסברוק, 5 (י.ט.א. טעלעגראפיש) גראף העלסדארף, דער ארגאניזאטאר פון פאגראם ראש-השנה אויף דער גרענאדיר-שטראסע אין בערלין, איז בעשטימט געווארען אויף א הויכען פאסטען אין אינערן-מיניסטעריום. דאס נאמינירען דעם גראף העלסדארף אויף אזא הויכען אמט, האט ארויסגערופען א בעאונרוהיגונג צווישען דער יודישער בעפעלקערונג, מחמת ער איז בעקאנט אלס פאגראמשטשיק.

### יודען פאדערן אויטאנאמע ראיאנען אין די א"י-שטעט מיט א געמישטער בעפעלקערונג

ירושלים (יט"א) א יודישע דעלעגאציע האט לעצטענס אינטערוועניר בײַם שטעלפערטרעטער פון הויך-קאמיסאר אין צוזאמענהאנג מיט דעם בײַעם געזעץ וועגען די שטאט-פערוואלטונגען, די יודישע פארשטעהער האבען געפאדערט צו מאדיפיצירען דאס געזעץ אין דעם זין, דאס עס זאלען געשאפען ווערען אויטאנאמע יודישע זעלבסטפערוואלטונגען אין די שטעט מיט א געמישטער בעפעלקערונג.

# אפיציעלער באיקאט אויף דייטשלאנד

## פראקלאמירט פון אלע יודישע ארגאניזאציעס פון לעטלאנד

ריגע, 5 (יט"א טעלעגראפיש) אויף א קאנפערענץ פון אלע יודישע ארגאניזאציעס אין לעטלאנד, איז פראקלאמירט געווארען אן אפיציעלער באיקאט אויף דייטשלאנד.

# שארפער קאמף צווישען יודישע און דייטשע דעלעגאציעס

## אויפן קאנגרעס פון די פעלקער-בונד-ליגעס

מאנטרע, 5. (יט"א טעלעגראפיש) ארום דער פראגע וועגען די יודען-רדיפות אין דייטשלאנד קומט פאר אויפ'ן קאנגרעס פון די פעלקער-בונד-ליגעס א שטארקער קאמף צווישען די יודישע מיט דייטשע דעלעגאציעס. די יודישע דעלעגאטען פערטיילען א מעמאריאל וועגען די יודען-רדיפות צווישען די דעלעגאציעס פון אנדערע מלוכות.

בראש פון דער דייטשער דעלעגאציע שטעהט דער היטלעריסט שנעי גראף העלסדארף, וועלכער האט ביז איצט פרעזידירט די דייטשע דעלעגאציע איז איצט נישטא: אלע דייטשע דעלעגאטען זענען נאצי. סאציאליסטען.

יודישע דעלעגאציעס זענען דא פון פאלעסטינע, טשעכאסלאוואקיי און עסטרייך.

# אראבער נעהמען איבער דייטשע האנדעלס-פארשטעהערשאפטען אין ארץ-ישראל

ירושלים (יט"א) אין צוזאמענהאנג מיט'ן אנטי-דייטשען באיקאט, וואס ווערט געפיהרט דורך די יודען, פיהרט „פעלעסטין" א פלאנמעסיגע קאמפאניע אין דער ריכטונג, אז די אראבישע געשעפטסלייט זאלען אנקניפען דירעקטע בעציהונגען מיט דייטשלאנד און פערנעהמען דאס ארט פון די יודישע האנדעלס-פארשטעהער.

עס האט זיך שוין געשאפען א גרופע אראבישע סוחרים, וועלכע האט איבערגענומען די פארשטעהערשאפט פון דייטשע פארמאצעווטישע און איזען-אויסארבײַטונגען, פון וועלכע די יודען האבען זיך ענטזאגט.

פארק העלענאוו
טראמוואי-צופאהר 4 און 8

דינסטאג, דעם 13 יוני, פינקטליך 9 אווענד, קומט פאר
א גרויסער רעליגיעזער קאנצערט

פון וועלט-בערימטען
אויבער-קאנטאר
פון ווארשעווער סינאגאגע

משה קוסעוויצקי

וועלכער וועט מיט דער בעטייליגונג פון לאדזער סימפאנישען ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען דיריגענט פראפ. ט. רידער אויספיהרען די שעהנסטע קאמפאזיציעס ווי: תפלות, פאלקס-לידער און אפערן-אריעס פון זיין נייעסטען רעפערטואר.

בײַם סלאוויר: פר. ליכטערמאן-דאווידאוויטש

אלע פלעצער צום פרייז 1.09 זל.

בילעטען-פערקויף: זעלמאנאוויטש, פיעטריקאווער 12 (קאנדיטאריי) און אין דער קאסע פון „העלענאוו".

אלע פלעצער צום פרייז 1.09 זל.

אכטונג, בעקער-מייסטער אין לאדז!

היינט, דינסטאג, דעם 6 טשערוויעץ, 4 נאכמיטאג קומט פאר צום ערשטען טערמין א

# אלגעמיינע פערזאמלונג

פון אונזערע מיטגלידער, אין לאקאל פון בעקער-צעך, פילסודסקיעגא 57. אימפאל עס וועלען נישט קומען די געהעריגע צאהל מיטגלידער, קומט די פערזאמלונג פאר צום 2-טן טערמין אין זעלבען טאג 7 א זייגער אווענד ביי יעדע צאהל מיטגלידער מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג; 2) טעטיגקייטס-בעריכט; 3) קאסע-בעריכט; 4) בעשטעטיגען דעם בודזשעט פאר'ן יאהר 1933; 5) וואהלען פון א סטארשי, 2 פאדסטארשעס, פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיסיע; 6) פרייע פארשלאגען.

צוליב דער וויכטיגקייט פון דער טאג-ארדנונג, בעטען מיר אלע מיטגלידער פינקטליך צו קומען צו דער פערזאמלונג.

די פערוואלטונג פון בעקער-צעך אין לאדז.

נאך קורצע און שווערע ליידען איז זונטאג געשטארבען און אין דעמזעלבען טאג צו קבורה-געקומען, מיין הייס-געליבטע פרוי, אונזער טייערע מוטער, טאכטער, שוועסטער און שוועגערין

נ"ע חנה פרוי פון ישראל-יוסף עלבוים

איז עלטער פון 46 יאהר

וועגען וואס עס מעלדען די אין טיפען טרויער פערבליבענע

מאנער, מאן, זיהן, טעכטער, ברידער, שוועסטער, שוואגערס און שוועגערינס.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפען מיטגעפיהל און ביילייד אונזער קאלעגע

ישראל גערשענאוויטש און פרוי צוליבן פריהצייטיגן טויט פון זייער

טעכטער'ל

זיט געטרייסט!

משה גורט
ליפמאן בעקער

דער שווערגעטראפענער פאמיליע גערשענאוויטש צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליך

טעכטער'ל

דריקן מיר אויס אונזער איניגסטן מיטגעפיהל.

די ארבייטער פון דער ווערקשטעל

העלענאוו שבת, ד. 10 יוני — א גרויסע העלענאוו

# גארטען-פארוויילונג

לטובת די בוראכאוו-שולן.

פראגראם:

קינדער-כאר אונטער דער לייטונג פון קאמפאזיטאר הערץ רובין.

2 ארקעסטערן 2 / קאנצערט פון סימפאנישען ארקעסטער אונטער דער לייט. פון ט. רידער און פון בלאז-ארקעסטער פון ספארט-קלוב „שטערן"

גרויסע ספארט-פערמעסטונגען

אויף דער עסטראדע אויפן וואסער

אויפטריט פון די פרויען און מענער-גרופען פון ארב.-ספארט-קלוב „שטערן"

פלאסטישע טענץ און גימנאסטישע איבונגען פון קינדער-גרופען

פיראמידען און לעבעדיקע בילדער

עפעקטפולע בעלייכטונג פון רעפלעקטארן — הערליכע אילומינאציע.

גרויסע קינדער-פארוויילונג

דעפילאדע און שפילן אונטער בעגלייטונג פון „שטערן"-ארקעסטער.

א רייכע פאנטאזי-לאטעריע — א סך ווערטפולע פאנטן, צווישן אנדערע, א ראווער, א 3-לעמפעדיקער ראדיא-אפאראט, פאטאגראפישע אפאראטן, קליידער און מענער-שטאפען, הינער, שעפסן, קאזעס, גאבעלינען און בידזשוטעריע.

פרייליכע אטראקציעס און סורפריזן — ביליקער בופעט.

בילעטן צום פרייז פון 1 זל. און 50 גר. (פאר קינדער) שוין צו באקומען אין דער בוראכאוו-ביבליאטעק, אל. קאשציושקי 9, אין ספארט-קלוב שטערן (אל. קאשט. 9) און אין פראפ. ארב. פאריינען

